# LIVING TORAH

## פרשת וירא

### משיחת יו״ד שבט ה׳תשל״ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

וואָס בהנוגע למדינה זו, איז דאָך ווי גערעדט כמה פעמים — און ס׳איז דאָך אַ דבר המפורסם וואָס דאַרף ניט האָבן, ״המפורסמות אינן צריכות ראי׳״ — אָט דאָס וואָס דערמאָנט אויך פריער, אַז ״אחד הי׳ אברהם״: די ערשטע פעולה וואָס אברהם האָט געטאָן (פון די ערשטע פעולות) — איז געווען ״ויקרא שם בשם הוי׳ א-ל עולם״, אַז ניט ס׳איז צוויי באַזונדערע זאַכן: אַ וועלט פאַר זיך, און ״א-ל״, דער אויבערשטער, פאַר-זיך, און פון צייט-צו-צייט קומען זיי אין פאַרבינדונג — נאָר אַז ס׳איז ״לית אתר פנוי מיני׳״, ו״אל תקרי ויקרא אלא ויקריא״: ער האָט געמאַכט זיין גאַנצן דור אויסרופן, אַז אַלע ענינים פון וועלט זיינען דורכגעדרונגען און דורכגענומען מיט ג-טלעכקייט.

על-אחת-כמה-וכמה ווען ס׳רעדט זיך וועגן אַ **מדינה גדולה**, און וואָס האָט אין זמן האחרון באַקומען אַ מעגלעכקייט אויף איינווירקן אויף דער גאַנצער וועלט, איז דאָך דאָס זיכער ניט במקרה, נאָר בהשגחה פרטית, און ס׳איז אויך זיכער אַז דאָס לייגט אַרויף אַ ספּעציעלע אחריות און אַ ספּעציעלע זכות — בנוגע צו זיך, צו דער מדינה, און אויך בנוגע צו די השפּעה אויף דער וועלט.

שלא כדעת הטועים אין דורות שלפני זה, אַז מ׳קען זיך איזאָלירן און באַגרעניצן זיך און זען יוצא-זיין דערמיט וואָס ס׳טוט זיך במדינה זו — נאָר ווי גערעדט כמה פעמים, וויבאַלד אַז מ׳זעט דעם פועל, אַז מ׳האָט אַ דיעה, אויב מ׳וועט נאָר זאָגן מיט דער גענוגענדער שטאַרקייט — אין דרכי נועם טאַקע און דרכי שלום, אָבער מיט תוקף האמיתי — הערט מען זיך צו בכל קצווי עולם און מ׳רעכנט זיך דערמיט —

איז חס ושלום אויף איזאָלירן זיך און זאָגן ״מה לי ולצרה הזאת״, און ס׳איז דאָך גענוג אַז מ׳וועט זיך פאַרבינדן און טאָן אין דער אייגענער מדינה; וויבאַלד אַז מ׳זעט אַז מ׳קען משפיע זיין, און דאָס איז זיכער בהשגחה, ווי יעדער ענין קטן, עאכו״כ אַן ענין גדול וחשוב — מוז מען אויסנוצן די השפּעה בכל קצווי תבל.

מ׳זעט אַז בשעת די מדינה איז נתייסד געוואָרן, איז דאָס געווען פאַרבונדן מיטן **גלויבן אין דעם אויבערשטן**: מ׳איז געלאָפן אַהערצו כדי מ׳זאָל קענען דינען דעם אויבערשטן לויט זייער הבנה, אָבער בלי מפריע, אָן שטערונגען, מ׳איז געלאָפן אַהערצו מיט דער זיכערקייט און מיט דעם בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט פירן, און מ׳האָט זיך אויף אים פאַרלאָזן.

וואָס דאָס רעדט זיך וועגן ניט-אידן; אָט די וואָס זיי האָבן מייסד געווען די מדינה, [ווי מ׳רופט זיי אָן ״דהי פאַונדינג פאַטערס״, אָט די וואָס האָבן מייסד געווען די מדינה] —

איז אַ זיכערע זאַך, אַז דאָס באַווייזט דעם וועג ווי אַזוי די מדינה דאַרף זיך פירן לויט דעם יסוד, לויט דער ״פאַונדיישאָן״, דערנאָך דאַרף געבויט ווערן אין דעם ״רוח״ — אין דעם גייסט — דער גאַנצער בנין וואָס שטייט אויף די יסודות.

וואָס וויבאַלד אַז די יסודות איז געווען פאַרבונדן אַז זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אמונה אין בורא עולם, און מ׳האָט געהאַט אין אים בטחון, און קומענדיק אַהערצו אין דער מדינה האָט מען געזען אין יעדער ענין, אַן ענין של השגחה, ביז אין אַן אופן של נס, כידוע אין די דברי הימים פון יסוד מדינה זו —



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# LIVING TORAH

## פרשת וירא

איז אָט דאָס באַוויזט, אַז די מדינה איז באַגרינדעט געוואָרן אויף גלויבן אין אַן אויבערשטן, און גלויב ניט אין אַן אויבערשטן ווי ער איז אין רקיע השביעי, ערגעץ-וואו, און ער דאַרף ניט האָבן קיין השפעה – דער גלויבן – אויפן טאָג-טעגלעכן לעבן, עאכו"כ בנוגע צו חינוך – נאָר דער אופן איז געווען, אַז די אמונה זייערע האָט דורכגענומען זייער הנהגה יום-יומית, זייער טעגליכע אויפפירונג און זייער חינוך פון די קינדער.

וואָס אָט דאָס גיט גלייך אַן אָנווייזונג, אַז שלא כדעת הטועים, אָט די וואָס ווילן איינטייטשן, אַז די כוונה איז, אַז חס ושלום די ממשלה – די רעגירונג – טאָר ניט העלפן די בתי-ספר וואו מ'לערנט עניני דת, וואָרום דאָס איז נגד די "קאָנסטיטושיאָן" און נגד די יסודות וכו' –

דאָס קען ניט זיין אַזאַ מציאות, אַז דאָס זאָל זיין דער פירוש פון דער "קאָנסטיטושיאָן", וויסנדיק אַז זי איז געשריבן געוואָרן אין דער מדינה און אין דעם אופן, אַז דאָס זאָל מתאים זיין און שטימען מיט דעם אופן ווי די ערשטע "פילגרימס" – די ערשטע אָנגעקומענע אַהערצו וואָס זיינען געווען אינם-יהודים – האָבן איינגעשטעלט זייער טאָג-טעגלעכן לעבן מיט דעם חינוך פון זייערע קינדער דוקא דורכגעדרונגען מיט "א-ל עולם", אַז די וועלט ווערט אָנגעפירט אין טאָג-טעגלעכן לעבן, אין יעדער פרט און אין יעדער רגע, פון דעם אויבערשטן וואָס ער געפינט זיך דאָ למטה.

די כוונה איז געווען, ווי גערעדט שוין פילע מאָל און ווי שוין אויך אויסגעדרוקט וכו', אַז מ'זאָל ניט מכריח זיין איינעם אַז ער זאָל אָננעמען אַ צווייטנ'ס גלויבן; מ'זאָל ניט געבן "פּריאָריטי", ניט געבן אַ דין קדימה פאַר איינע לגבי די צווייטע,

ס'איז אָבער חס ושלום צו זאָגן, אַז ס'איז געווען די כוונה, אַז מ'מעג אויסגעבן פון דער ממשלה געלט אויף אַלע זאַכן, און די איינציקע זאַך פאַרוואָס מ'טאָר ניט נוצן איז דאָס אויף צו ברענגען צו דעם יונגן דור די קריאה, דעם "ויקריא", אַז ס'איז דאָ אַ "א-ל עולם": דאָס איז ניט קיין "דזשאָנגל", ניט קיין הפקר, נאָר "יש בעה"ב לבירה זו", דאָס איז אַ בירה, אַן עיר – אַ שטאָט – וואו ס'געפינט זיך דער מלך מלכי המלכים הקב"ה, און ער געפינט זיך אָט דאָ למטה,

דאַרף מען דורכנעמען די השקפת עולם – דער קוק אויף דער וועלט – פון יעדער קינד, צו וואָס פאַר אַ הויז ער זאָל ניט געהערן, אַז ער זאָל דערהערן, אַז ס'איז דאָ אַן אויבערשטער, און דער אויבערשטער האָט אַ שייכות מיט אים, מיט אָט דעם קינד, מיט דעם אינגעלע אָדער מיט דער מיידעלע,

עאכו"כ ווען זיי וואַקסן אויס, און זיי ווערן שוין גדולים און זיי קענען שוין טאָן סיי מיט זיך און סיי מיט אַ צווייטן ווי ביי זיי וועט אויסקומען – איז דאָך דעמאָלט נאָכמער וויכטיקער, אַז זיי זאָלן געפירט ווערן פון דער אמונה פשוטה, אַז ס'איז דאָ דער "בעה"ב לבירה זו", אַז ער איז דער אמת'ער בעה"ב, און איידער מ'טוט אַ זאַך, איידער מ'האַלט זיך אָפּ פון טאָן אַ זאַך; איידער מ'רעדט אָדער מ'האַלט זיך אָפּ פון רעדן – דאַרף זיין דער ערשטער צוגאַנג: **וואָס זאָגט אויף דערויף דער אויבערשטער!**



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.